בעזהשי"ת

שיעור בספר הקדוש

# ליקוטי מוהר"ן

(תורה ע' – ויהי ביום השמיני)

## ע"י הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל

מתובל בשיחות וסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

אידיש

**מהדורת דוגמא**

חודש כסלו שנת ה'תשע"ח
מאנסי נוא יארק יצ"ו

# תוכן השיעור

**הצדיק שיש לו כח המושך**

**כל ההשפעות מאותו הצדיק...**

**כח המכריח - הדיבור שאינו כראוי...**

**להיות 'קרוב' אל הצדיק**

**דעם רבי'נס ספר שיינט! - ר' יצחק בער מ'טעפליק**

**תפלה במסירות נפש**

**אחריך נרוצה 'דייקא'...**

**ישים עצמו כאילם... - רבי יצחק אייזיק מ'טיראהוויצע**

**היינט איז דא נת'לע...**

**להקים את המשכן...**

**הכבוד האמתי...**

**איך בין נישט די רבי!...**

**א שטיקל בלאטע...**

**המתנה "מחלוקת"...**


**הערות והארות מתקבלים בחפץ לב,**

**נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס

מאנסי, נוא יארק

**(+1) 845-200-0443**

ניתן לקבל את הקונטרס דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**


כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלוי' בו

בס"ד

# ליקוטי מוהר"ן תורה ע' - ויהי ביום השמיני

[טייפ מס' 222# פרשת יתרו, שבט תשל"ז]

## הצדיק שיש לו כח המושך

וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי קָרָא משֶׁה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו וּלְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל: (וַיִּקְרָא ט:). כִּי כָּל הַדְּבָרִים הֵם עַל הָאָרֶץ, כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִין בְּחוּשׁ, שֶׁהַכֹּל גָּדֵל מִן הָאָרֶץ, וְכָל הַדְּבָרִים וְהַבְּרִיּוֹת הוֹלְכִים וּמֻנָּחִים עַל הָאָרֶץ, וְאִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּפָּסְקוּ וְיִתְרַחֲקוּ מֵהָאָרֶץ. אִם לֹא עַל יְדֵי כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁיֵּשׁ מִי שֶׁמַּבְרִיחַ הַדָּבָר, וְנוֹטְלוֹ מִמְּקוֹמוֹ מֵהָאָרֶץ, וּמַרְחִיקוֹ מִמֶּנָּה. וּכְפִי כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, כֵּן נִתְרַחֵק הַדָּבָר מֵהָאָרֶץ. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּפְסָק כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, חוֹזֵר הַדָּבָר לְהָאָרֶץ. כְּגוֹן אִם זוֹרֵק אָדָם דָּבָר לְמַעְלָה, אֲזַי עַל יְדֵי כֹּחוֹ מַבְרִיחַ הַדָּבָר וּמַפְסִיקוֹ מֵהָאָרֶץ. וּכְפִי כֹּחוֹ, כֵּן מַבְרִיחַ הַדָּבָר וְזוֹרְקוֹ לְמַעְלָה יוֹתֵר. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּפְסָק כֹּחוֹ, שֶׁהוּא כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, חוֹזֵר הַדָּבָר וְנוֹפֵל לְהָאָרֶץ. כִּי הָאָרֶץ יֵשׁ לָהּ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, וּמַמְשֶׁכֶת כָּל הַדְּבָרִים לְעַצְמָהּ. כִּי אִם לָאו, לֹא הָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקַיֵּם עָלֶיהָ, כִּי הָיָה רָאוּי לִפֹּל מִמֶּנָּה, מֵחֲמַת שֶׁהִיא כַּדּוּרִית, וְכָל בְּנֵי הָעוֹלָם עוֹמְדִים סְבִיבָהּ כַּיָּדוּעַ, אַךְ שֶׁיֵּשׁ לָהּ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ. וְעַל כֵּן כְּשֶׁנִּפְסָק כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, וְחוֹזֵר הַדָּבָר וְנוֹפֵל לְמַטָּה לְהָאָרֶץ, כָּל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר לְמַטָּה, הוּא פּוֹרֵחַ וְנוֹפֵל לְמַטָּה בִּמְהִירוּת יוֹתֵר, זֶה מֵחֲמַת שֶׁמִּתְקָרֵב לְהַכֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ שֶׁל הָאָרֶץ, עַל כֵּן נוֹפֵל בִּמְהִירוּת יוֹתֵר לְמַטָּה:

וְהַצַּדִּיק הוּא בְּחִינַת עָפָר הַנַּ"ל, כִּי הַצַּדִּיק הוּא יְסוֹד עוֹלָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי י): "וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם", וְכָל הַדְּבָרִים עוֹמְדִים עָלָיו. וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, לְהַמְשִׁיךְ כָּל הַדְּבָרִים אֵלָיו. כִּי זֶה הַצַּדִּיק, הוּא רַק יָחִיד בָּעוֹלָם, שֶׁהוּא יְסוֹד עוֹלָם, שֶׁכָּל הַדְּבָרִים נִמְשָׁכִים מִמֶּנּוּ.

ס'איז דא אסאך צדיקים! נאר דער וואס האט די כח המושך - וואס ער איז דער יסוד פון דער וועלט, וואס דער גאנצער וועלט ציהט זיך צו אים - - איז נאר איינער! ער איז א יחיד בעולם! אפילו פון די צדיקים - נישט יעדער איינער איז דער כח המושך, וואס ער זאל דער גאנצער וועלט צוציען צו זיך. און ער איז דאס חיות פון דער גאנצער וועלט, נאר איינער - א יחיד!

זאגט דער רבי, **וַאֲפִלּוּ כָּל הַצַּדִּיקִים הֵם רַק עֲנָפִים מִמֶּנּוּ**, זענען נאר צווייגן פון אים, פון דעם צדיק, **כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ** - וועדליג זיין בחינה; **יֵשׁ שֶׁהוּא בְּחִינוֹת עָנָף מִמֶּנּוּ**, א צווייג פון דער צדיק, איז אויך זייער גוט, א צווייג וואקסט גלייך פון דער בוים, **וְיֵשׁ שֶׁהוּא בְּחִינוֹת עָנָף מִן הֶעָנָף**.

כִּי זֶה הַצַּדִּיק הַיָּחִיד בָּעוֹלָם, הוּא עָנָו וְשָׁפָל, וּמֵשִׂים עַצְמוֹ כְּעָפָר, בִּבְחִינוֹת (בְּרֵאשִׁית י"ח): "וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר". וְעַל כֵּן הוּא יְסוֹד עוֹלָם, הַיְנוּ בְּחִינַת עָפָר, שֶׁכָּל הַדְּבָרִים הֵם עָלָיו כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים: 'וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה', הַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה לָהּ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, לְהַמְשִׁיךְ הַכֹּל אֵלָיו כְּעָפָר כַּנַּ"ל.

*

## כל ההשפעות מאותו הצדיק...

וְזֶה הַצַּדִּיק, מַמְשִׁיךְ כָּל הַהַשְׁפָּעוֹת לָעוֹלָם, בִּבְחִינוֹת (אִיּוֹב כ"ח): "וְעַפְרֹת זָהָב", שֶׁכָּל הַהַשְׁפָּעוֹת נִמְשָׁכִין מִבְּחִינוֹת עָפָר - דער שפע איז מכונה בשם 'זהב', פון וואנעט נעמט זיך דער זהב? ס'נעמט זיך פון דעם 'עפרות', פון דעם צדיק וואס ער איז א בחינת 'עפר', פון אים נעמט זיך די שפע! שֶׁכָּל הַהַשְׁפָּעוֹת נִמְשָׁכִין מִבְּחִינוֹת עָפָר, מֵהַצַּדִּיק הַנַּ"ל.

דער צדיק - אלע השפעות גייט פון אים, און "והמה דברי עלי כזבים - ואנכי אפדם" (הושע ז' י"ג), ער איז דער יסוד פון דער וועלט, און אלע השפעות גייט פון אים, און מען רעדט אויף אים אזעלכע כזבים, אזעלכע שקרים (עי' חיי מוהר"ן, ענין המחלוקת שעליו אות ה' [- שצ"ו]).

וְעַל כֵּן אִם נוֹתְנִין צְדָקָה לְזֶה הַצַּדִּיק, הוּא מִתְבָּרֵךְ מִיָּד. כִּי הוּא בְּחִינַת זְרִיעָה עַל הֶעָפָר, שֶׁמַּצְמַחַת כֶּפֶל כִּפְלַיִם, בִּבְחִינוֹת (הוֹשֵׁעַ י): "זִרְעוּ לָכֶם לִצְדָקָה וְקִצְרוּ לְפִי חֶסֶד". אֲבָל אִם נוֹתֵן צְדָקָה לְמִי שֶׁאֵינוֹ בְּחִינַת עָפָר כְּלָל, אֵינוֹ עוֹשֶׂה פֵּרוֹת. מען זעהט דאך אז מען וועט ארייןווארפן זרע דארטן אין נישט קיין ערד אריין - וועט נישט ארויסוואקסן.

וְזֶה שֶׁקִּלֵּל יִרְמְיָה אֶת אַנְשֵׁי עֲנָתוֹת: "בְּעֵת אַפְּךָ עֲשֵׂה בָהֶם" 'הַכְשִׁילֵם בַּעֲנִיִּים שֶׁאֵינָם מְהֻגָּנִים' (בָּבָא קַמָּא ט"ז:), הַיְנוּ שֶׁאֵינָם בִּבְחִינַת עָפָר כְּלָל, וְעַל כֵּן הַצְּדָקָה שֶׁנּוֹתְנִים לָהֶם אֵינָהּ בְּחִינַת זְרִיעָה כְּלָל:

*

## כח המכריח - הדיבור שאינו כראוי...

וְהִנֵּה הָיָה רָאוּי שֶׁיִּמָּשְׁכוּ כָּל בְּנֵי אָדָם לְזֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל. ס'וואלט ראוי געווען אז דער גאנצער וועלט זאל זיך ציען צו דעם צדיק, אז ער איז דער עפר, ער איז דער יסוד פון דער וועלט, און ער איז דער כח המושך. וואלט דאך ראוי געווען אז דער גאנצער וועלט - אלע מענטשן זאלן זיך ציען צו דעם צדיק וואס ער איז א בחינת עפר, ער האט א כח המושך - אזוי וואלט דאך ראוי געווען.

נאר וואס דען; **אַךְ עַל יְדֵי כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, מַפְסִיקִין וּמַרְחִיקִין מִמֶּנּוּ.** א כח וואס שלעפט אוועק פון דעם צדיק! וואס איז דער כח? ווער איז דער כח המבריח וואס שלעפט אוועק? - **הַיְנוּ, שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם, שֶׁעַל יְדֵי דִּבּוּרָם וּמַעֲשֵׂיהֶם, הֵם מַבְרִיחִים אֶת בְּנֵי אָדָם לְהַפְסִיקָם וּלְהַרְחִיקָם מֵהַצַּדִּיק הַנַּ"ל. וּלְפִי כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, כֵּן מַרְחִיק מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ"ל.**

כפשוטו ווייזט אוים אז זיי רעדן אויף דעם צדיק דיבורים, זיי רעדן אויף אים - דערווייטערן זיי פונעם צדיק, 'דיבורם ומעשיהם'! אבער ווייזט אוים אז ס'מיינט נישט נאר אז זיי 'רעדן אויף דעם צדיק', נאר אז דער דיבור איז נישט אפגעהיטן - דאס איז דער כח המבריח וואס שלעפט אוועק פונעם צדיק!

אזוי יעדער איינער ביי זיך איז אויך אזוי, יעדער איינער דארף זיך ציען צו דעם צדיק, ווייל ער איז דאך א כח המושך, נאר דער דיבור איז נישט אפגעהיטן, און אזוי זיינע מעשים - שלעפט אים דאס אוועק פונעם צדיק! ווערדליג דער כח המבריח, ווערדליג דער דיבור איז מער פגום, דער דיבור איז מער נישט אפגעהיט, אזוי דערווייטערט ער פונעם צדיק!

איז טאקע די וואס ווערן מקורב צום צדיק, דארפן זיי זייער אפהיטן דעם דיבור, ווארן דאס שלעפט אוועק פונעם צדיק, דאס דערווייטערט פונעם צדיק! דער ענין פון דערווייטערן פונעם צדיק - אפילו ער איז מקורב, אבער ער איז ווייט, ער איז ווייט! אז מען איז ווייט פון די עצות, איז מען ווייט! אלץ דורך די דיבורים - דאס שלעפט אוועק פונעם צדיק. מען דארף זייער זיין אפגעהיטן דעם דיבור, אזוי ווי מעשים - אזוי דארף דער דיבור אויך! דער דיבור איז א געוואלד, אז דער דיבור איז נישט אפגעהיט - שלעפט דאס אוועק פונעם צדיק.

**וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁיַּפְסִיק כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, יַחֲזֹר וְיַמְשִׁיךְ עַצְמוֹ וְיִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר כַּנַּ"ל.** ווייל דאס קען זיין אלעמאל; אויב ליגט ער אין כח המבריח, דער דיבור איז נישט אפגעהיט, די מעשים - שלעפט עס אים אוועק. העט ער תשובה טוהן - וועט ער זיך צוריק ציען צום צדיק!

*

## להיות 'קרוב' אל הצדיק

**כִּי כְּשֶׁיַּפְסִיק הַמַּבְרִיחַ, יָשׁוּב לְהֶעָפָר לְהַצַּדִּיק הַנַּ"ל, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁהֵם רְחוֹקִים מְאֹד מֵהַצַּדִּיק, מֵחֲמַת שֶׁהֵם עֲדַיִן בְּכֹחַ הַמַּבְרִיחַ הַמַּרְחִיק אוֹתָם.**

וועם מיינט דא דער רבי? 'בני אדם שהם רחוקים מאוד מהצדיק' - מיינט דען דער רבי נאר די וועלט?! דער ווארט 'נאנט' אדער 'ווייט' איז דאך נישט קיין גשמיות'דיג זאך, א זאך וואס איז נאנט אדער ווייט 'בגשמיות'! 'נאנט' איז דאך דער עיקר (ברוחניות) - - דער רבי זאגט דארטן אין די תורה פון

ימי חנוכה 'דורך תודה והודאה איז מען נאנט צום אויבערשטן' (ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ב' אות ב'; סמוכים וקרובים אליו יתברך) - - דאס איז דאך אן אנדערע סארט 'נאנטקייט'!

די רבי האט געזאגט 'עס איז דא אזעלכע מענטשן וואס זענען מיר איינגעבאקן אין הארץ' (שיח שרפי קודש ב' ק"ב), דאס הייסט נאנט! זיי זענען אזוי נאנט צום צדיק - זיי זענען אים איינגעבאקן אין הארץ. רעדט דער רבי פון אונז, דא אליין, חסידים אליין. עס איז דא חסידים וואס זענען אמאל אין די כח המכריח, און אמאל זענען זיי אין כח המושך, מען ציעט זיך, און מען ווערט דערווייטערט - 'בני אדם שהם רחוקים מאוד מהצדיק'...

*

# דעם רבי'נס ספר שיינט! - ר' יצחק בער מ'טעפליק

**אֲבָל אַחַר כָּךְ כְּשֶׁיַּפְסִיק כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, יַחְזְרוּ וְיִתְקָרְבוּ כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, כְּשֶׁאָדָם נוֹסֵעַ לְהַצַּדִּיק, כָּל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב לִמְקוֹם הַצַּדִּיק יוֹתֵר, יֵשׁ לוֹ חֵשֶׁק יוֹתֵר, מֵחֲמַת שֶׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר לְהַכֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל:**

רבי יצחק בער האט געזאגט; ברוך השם ווי מען עפענט אויף דעם רבי'נס ספר, שיינט עס מיר! (להלן תוכן הסיפור).

רבי מאיר טעפליקער איידער ער איז ארויף אויף ארץ ישראל - ער איז געווען אביסל א פארמעגליכער - פלעגט ער מאכן אלעמאל סעודות ראש חודש, האט ער געבעטן ר' יצחק בער'ן ער זאל קומען צו די סעודה. נאר - ר' יצחק בער האט מען געדארפט בעטן איידער ער שטעלט זיך דאווענען - - -

(השואל; ווער איז ר' יצחק בער?) ער איז געווען א איד א צדיק! ר' יצחק בער?! אה, ער איז געווען מיט רבי יקותיאל צוויי ברידער, רבי יקותיאל טראהוויצער מיט רבי יצחק בער,ביידע האבן געוואוינט אין טראהוויצע, און זייערע עלטערן זענען געווען פראסטע מענטשן, זיי זענען געווען היטל מאכער'ס. אויף איר (זייער מאמע) האט מען גערעדט דארטן עפעס, האט דער טראהוויצער מגיד איר געשיקט רופן, ער האט ארויסגענומען דער ספר תורה, און פאר איר פארגעליינט די פרשה פון סוטה, און האט זיך אנגערופן; איז דאס נישט אמת וועט השי"ת העלפן דו וועסט האבן גוטע קינדער! און ס'איז געווען א שקר, האט זי געהאט די צוויי קינדער, רבי יצחק בער'ן מיט רבי יקותיאל'ן, צוויי צדיקים. (עי' שיש"ק ג' שע"ט)

עס איז געווען אין די צייט פון די גרויסע התנגדות, איז געווען אין טעפליק א געוואלדיגע התנגדות, האט מען אים ארויסגענומען (ר' יצחק בער) פון טראהוויצע קיין טעפליק, האט ער געמאכט שטיל, אז ער איז געקומען איז געווארן שטיל, אפילו די מתנגדים האבן געהאט פאר אים דרך ארץ.

ווען ער איז אוועקגעפארן פון דעם ברודער רבי יקותיאל'ן, האט ער אים געזאגט, צום ברודער; קויף דיר א 'שערי ציון' און שטיי אויף אלע נאכט חצות, העט דיר ווערן 'לעבטיג'! און ער האט זיך פון אים געזעגנט, אזוי האט ער אים געזאגט.

רבי יצחק בער ליגט טאקע אין טעפליק, ער איז געווען אזא מין ליבליכע מענטש, אז אלע מתנגדים האבן געהאט פאר אים דרך ארץ, און ער האט טאקע געמאכט שטיל, ווען ער איז געקומען איז געווארן שטיל! זיי האבן אים אזוי געזאגט; "ר' יצחק בער, ווען איר זאלט נישט זיין קיין ברסלב'ער חסיד, וואלט איר געווען א רבי אויף אלע רבי'ס"! (עי' שיש"ק ג' ש"פ, שפ"ב).

ער איז געווען א געוואלדיגע מענטש, זיין דאווענען איז געווען א פייער! געקאכט!!

און ר' מאיר (טעפליקער הנ"ל) פלעגט מאכן סעודות ראש חודש, האט ער געשיקט זיין איידעם, ער האט געהייסן ר' יעקב יוסף, ער זאל גיין בעטן ר' יצחק בער צו דער סעודה. צו ר' יצחק בער האט מען געדארפט גיין פארטאג, איידער ער שטעלט זיך דאווענען, נאכדעם וואס ער האט זיך געשטעלט דאווענען איז שוין נישט געווען צו ווען צו רעדן... איז ער געקומען פארטאג, זאגט ער; "דער שווער האט געבעטן איר זאלט קומען צו די סעודת ראש חודש". (אמר לו ר' יצחק בער לר' יעקב יוסף;) "נו, אז דו ביסט שוין דא זאגט עפעס א שטיקל ליקוטי מוהר"ן, זאג עפעס א שטיקל"! (שאל רי"י;) "ווי זאל איך זאגן"? זאגט ער "ווי דו ווייסט עפענען! ברוך השם ווי מען עפנט דער רבי'נס ספר שיינט עס מיר"! אזוי האט דער איד געזאגט אזא לשון! (עי' שיח שרפי קודש ג'-ת"ל).

(השואל; ר' מאיר טעפליקער איז געווען ר' נתנ'ס א מענטש?) יא! ער איז אויך געווען ר' נתנ'ס מענטש - ר' יצחק בער.

*

# תפלה במסירות נפש

ר' יצחק בער בשעת ער איז געווען אין טראהוויצע, ער איז געווען א טראהוויצער, איז ר' נתן געווען אמאל אין טראהוויצע, און ר' יצחק בער האט דעמאלטס געדאווענט! געדאווענט! האט ר' נתן גערעדט דאס גרויסקייט פון בארדיטשוב'ער רב, וועגן זיין עבודה, האט זיך אנגערופן ר' נתן; "מיר האבן היינט אויך א בארדיטשוב'ער רב"! און א ווייז געגעבן אויף אים - אויף ר' יצחק בער'ן! (עי' שיש"ק ב' תר"ג).

דאס איז א געוואלד - געוואלד, דער איד, געקאכט א קעסל - געקאכט!

(השואל; ביים בארדיטשוב'ער רב האט מען געזעהן סימני גסיסה?) דאס איז א באזונדערע שמועס, (השואל; אויך ביי 'הבוחר בעמו ישראל באהבה'?) ביי קריאת שמע האט מען געזעהן ביי אים (בארדיטשוב'ער רב) סימני גסיסה! ביי ר' יצחק בער איז געווען אמאל וואס ער האט געזאגט דארט (הבוחר בעמו ישראל וכו') און ער איז געבליבן חלשות! (עי' שיש"ק ג' שפ"ג).

ר׳ נתן האט געזאגט צו ר׳ נחמן טולטשינער אויף ר׳ יצחק בער אז ער דאווענט מיט מסירת נפש! (עי׳ שיש״ק ה׳ קי״ט). ר׳ נתן האט געזאגט אויף אים אז ער דאווענט מיט מסירת נפש! ר׳ נתן האט געזאגט; מיר האבן אויך א באַרדיטשוב׳ער רב! און ער האט אנגעוויזן אויף אים... ער האט געוויסט גוט ווער ער איז, ער האט אים גוט דערקענט.

קענן וואס האט זיך געמאכט דער שמועס פון ר׳ יצחק בער׳ן - - דער רבי זאגט דא ס׳איז דא מענטשן וואס זענען ווייט פונעם צדיק, זאל מען זיך איינרעדן אז דער רבי מיינט עפעס, איך וויים, מתנגדים?! דער רבי מיינט אונז!! דער רבי מיינט א יעדער איינער זאל וויסן ביי זיך, צו ער איז נאנט צום צדיק, צו ער איז ווייט פונעם צדיק! אז ער איז נאנט צום צדיק דעמאלטס שיינט ביי אים דעם צדיק׳ס דיבורים! ער איז נאנט, ער איז נאנט צום צדיק.

דער רבי האט געזאגט מען זאל אריינלייגן די כוחות אין דאווענען, דאווענען מיט כוחות זאגט דער רבי, דאווענען מיט כוחות! (ליקו״מ תו׳ ט׳ אות א׳).

*

# אחריך נרוצה ׳דייקא׳...

**וְזֶה בְּחִינַת מִשְׁכָּן, כִּי מִשְׁכָּן הָיָה לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, לְהַמְשִׁיךְ אֱלֹקוּת לַמָּקוֹם שֶׁהָיָה עוֹמֵד שָׁם.** משה רבינו האט אויפגעבויעט א משכן, אזא מין בנין וואס האט צוגעצויגן אלקות, דארטן ווי די משכן איז געשטאנען איז דארטן געווען אלקות, דער משכן [איז געווען געבויעט] אויף אן ארט פון ׳נחש שרף ועקרב וצמאון׳, אן ארט פון קליפות! מען האט אוועקגעשטעלט די משכן - איז דארטן געווארן אלקות, דארט האט זיך צוגעצויגן אלקות, מען איז דאך געגאנגען ׳למקום שהיה עומד שם׳, דארטן איז געווארן אלקות, דארטן איז געווארן קדשי קדשים!

**בְּחִינַת** (שִׁיר הַשִּׁירִים א): **״מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה״.** אזא מין סארט כח המושך איז דאס - ממש אז מען לויפט! **׳אַחֲרֶיךָ נָרוּצָה׳ דַּיְקָא, כִּי כָּל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר אֵלָיו, הוּא רָץ בְּיוֹתֵר כַּנַּ״ל,** וואס הייסט ער לויפט? ער לויפט צו זיינע עצות מקיים זיין! ער לויפט מערער, **מֵחֲמַת הַכֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ״ל.**

**וְכַמּוּבָא בַּמִּדְרָשׁ** (שְׁמוֹת פֶּרֶק ל״א) **שֶׁהַמִּשְׁכָּן הוּא לְשׁוֹן מַשְׁכּוֹן, שֶׁהוּא מַשְׁכּוֹן לְיִשְׂרָאֵל, שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה אֶצְלָם אֲפִלּוּ אִם יֶחֶטְאוּ, חַס וְשָׁלוֹם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (וַיִּקְרָא כ״ו)**: ״וְנָתַתִּי מִשְׁכָּנִי בְּתוֹכְכֶם וְלֹא תִגְעַל נַפְשִׁי אֶתְכֶם״. נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי הַמִּשְׁכָּן, הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל. הַיְנוּ כַּנַּ״ל, כִּי מִשְׁכָּן לְשׁוֹן מָשְׁכֵנִי וְכוּ׳, שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, לְהַמְשִׁיךְ אֱלֹקוּת לַמָּקוֹם שֶׁהָיָה עוֹמֵד שָׁם כַּנַּ״ל.**

רבי יצחק אייזיק פון טראהאוויצע, ביי אים איז ממש געווען אזוי ווי ס׳שטייט ביי אלישע און אליהו ׳שנים עשר בקר׳ (מלכים א׳ י״ט י״ט; וימצא את אלישע בן שפט והוא חורש שנים עשר צמדים לפניו וגו׳, ויעבור

אליהו אליו וישלך אדרתו אליו, ויעזוב את הבקר וירץ אחרי אליהו וגו'), ער האט עס אוועקגעווארפן און נאכגעלאפן נאך אליהו הנביא! וואס האט ער געזעהן און נאכגעלאפן? ער איז געווען גאר א 'חלפן' - דער ר' יצחק אייזיק, האט ער עפעס געזעהן אינעם רבי'ן - האט ער אוועגעווארפן דעם חלפנות און נאכגעלאפן נאכן רבי'ן! ס'האט זיך אין אים אנגעצינדן עפעס א פייער, ס'האט געקאכט אין אים א פייער! ער האט אוועקגעווארפן אלעס - - ער איז געווען פריער א חלפן, אזוי א מענטש - עוסק געווען אין פרנסה, אוועקגעווארפן דאס אלעס אין נאכגעלאפן נאכן רבי'ן!

*

## ישים עצמו כאילם... - רבי יצחק אייזיק מ'טיראהוויצע

און ער האט אינגאנצן אויפגעהערט צו רעדן (למשך שנה אחת, עפ"י ציווי רביז"ל, כדלהלן), און ער האט געדינט דעם אויבערשטן אז עס איז א געוואלד, עס איז א געוואלד. איז געווארן אויף אים א מחלוקת - א אינגערמאן הערט אויף צו רעדן?! ער איז געווארן שטום, ער האט אויפגעהערט צו רעדן, ער האט א יאר צייט נישט גערעדט! דער רבי האט אים געהייסן; ער זאל רעדן נאר מיט'ן טראהוויצער מגיד - ווייטער גארנישט! און ער האט געדינט דעם אויבערשטן.

דער רבי האט געזעהן אז ער האט אזא מין התנגדות פונעם שווער, ער וועט דאס נישט אויסהאלטן. האט דער רבי גענומען א פיר'ל (- פערד און וואגן) און דער רבי איז צוגעפארן קיין טראהוויצע, און צוגעפארן צו דער שטוב פון זיין שווער, ביינאכט. [ווען דער רבי איז אנגעקומען,] און דער שווער האט דערזעהן דעם רבי'ן - דעמאלטס איז ר' יצחק אייזיק געווען ביי זיך אין חדר, און האט געליינט קריאת שמע שעל המטה מיט אזא מין התעוררות, געליינט מיט אזא מין פייער.

דער רבי האט נישט געוואלט איבערהאקן, האט דער רבי גערעדט מיט'ן שווער; "פארוואס רודפ'סטו דיין איידעם? פארוואס יאגסטו אים"? האט ער אנגעהויבן צו זאגן; "רבי, ער אויפגעהערט צו רעדן, און אוועקגעווארפן - - - ער רעדט נישט"! האט דער רבי אים געזאגט אזוי; "אז איינער קומט צווישן גויים, וואס זיי האבן קיינמאל נישט געזעהן קיין תפילין לייגן, זיי ווייסן נישט וואס הייסט תפילין לייגן, אין ער לייגט תפילין, און אינמיטן רעדט איינער צו אים, ענטפערט ער דאך אים נישט, קוקט אן יענער אים ווי" - -

דער רבי האט אים געגעבן אנצוהערן; "ער לייגט איצטער תפילין! אינמיטן תפילין לייגן טאר מען נישט אויסרעדן"!! דער רבי האט אים געוואלט א דוגמא געבן ווי איינער לייגט תפילין, און יענער אינמיטן לייגן וויל ער רעדן צו אים. ער נעמט א פאסיקל רצועות אויף דער האנט און מען רעדט צו אים, וויל ער דאך נישט ענטפערן, אינמיטן תפילין לייגן מעג מען אויסרעדן?! האט דער רבי געזאגט צום שווער; "אזוי איז דיין איידעם! ער לייגט איצטער תפילין, ווען מען לייגט תפילין טאר מען נישט אויסרעדן"! האט ער צוגעזאגט דעם רבי'ן אז ער וועט אים שוין מער נישט רודפ'ן. דערנאך האט דער רבי זיך שוין באוויזן צו ר' יצחק אייזיק, ער האט געהאט א געוואלדיגע שמחה צו זעהן דעם רבי'ן. (עי' כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ה).

*

# היינט איז דא נת'לע...

נאכדעם איז געווען אז ער איז געפארן צום רבי'ן, און אינמיטן וועג האט ער משיג געווען א השגה - אזא מין תורה וואס דער רבי האט באדארפט צו זאגן דער תורה! א הויכע תורה האט ער משיג געווען אויפ'ן וועג - דער ר' יצחק אייזיק. אז ער האט משיג געווען אזא השגה האט ער געוואלט דעם רבי'ן ארויסרעדן די השגה, ער איז געקומען צום רבי'ן, די רבי האט זיך משמיט געווען און נישט געוואלט הערן פון אים דאס. אבער ער האט זיך זייער געריסן, געריסן, און נאר דעם רבי'ן געזאגט די תורה, און ער איז קראנק געווארן ביים רבי'ן, און ער איז געליגן ביים רבי'ן. דער רבי האט אים צוגעטראגן אביסל יוך, און דער רבי האט געזאגט; "איך האב היינט משמש געווען אן אמת'ן תלמיד חכם"! האט דער רבי אויף אים געזאגט. איז ער אוועקגעפארן אהיים און ער איז נפטר געווארן!

אונזערע לייט האבן געזאגט אזוי - אז די תורה האט ער ווען נישט געדארפט זאגן, דער רבי האט דאס געדארפט זאגן, ער האט נישט געוויסט, דער רבי האט אים געגעבן אנצוגרייטן אז ער וויל נישט הערן די תורה, אבער ער האט יא געזאגט.

אז דער רבי האט גערעדט פון דעם ר' יצחק אייזיק'ן, האבן אונזערע לייט זייער געבענקט, אזא צדיק, האט זיך אנגערופן דער רבי; "היינט איז דא נת'לע"! אויף ר' נתן.

נאכדעם איז דער רבי געווען אין טראהוויצע, האט דער רבי א פרעג געגעבן צו ער האט קינדער, האט מען געזאגט יא! האט דער רבי געזאגט; "ווי קומט צו דעם צדיק קינדער"?! זענען די קינדער אויך נפטר געווארן! ר' אברהם ר' נחמנ'ס ברענגט דאס אראפ. (עי' שם אות כ"ו, ושיש"ק ב' רנ"ה, ועי' גם חיי מוהר"ן מעלת המתקרבים אליו אות כ"ג [שי"ג]).

*

ווי קען מען פארשטיין דאס?! נישט צו פארשטיין! אזוי איז דאס, פון דארטן וואס ער האט עפעס דערזעהן, פון 'משכינו אחריך נרוצה', גיב מיר א ציה - וועל איך נאכלויפן נאך דיר! ער האט עפעס דערזעהן, דערפילט דעם רבי'ן - איז ער אים נאכגעלאפן, אוועקגעווארפן דאס געלט און דאס חלפנות און אלעס, און נאכגעלאפן! דער אויבערשטער העלפט, ער געבט עפעס א ציה, לויפט מען נאך.

אין דער 'אחריך נרוצה' איז דא אסאך בחינות - אין דערווארט 'נרוצה', דער רבי זאגט דאך 'נרוצה דייקא', מען לויפט נאך! אזוי ווי נאך א גוטע זאך - מען לויפט נאך!

*

# להקים את המשכן...

**נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי הַמִּשְׁכָּן, הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל. הַיְנוּ כַּנַּ"ל, כִּי מִשְׁכָּן לְשׁוֹן מַשְׁכֵּנִי וְכוּ', שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, לְהַמְשִׁיךְ אֱלֹקוּת לַמָּקוֹם שֶׁהָיָה עוֹמֵד שָׁם כַּנַּ"ל.** דער צדיק, ווי ער שטעלט זיך אוועק, דארט האט ער א כח המושך, און דארטן צוציען אלקות!

קומט אוים אז דאס איז דער משכן, אויפשטעלן א בנין ס'זאל האבן א כח המושך, **וְעַל כֵּן אִי אֶפְשָׁר לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן, אֶלָּא הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר, בְּחִינַת מֹשֶׁה.** ווער האט געקענט אויפשטעלן דער משכן? דער משכן האט געמאכט טאקע בצלאל, און אלע - - נאר 'אויפשטעלן' דער משכן האט נאר געקענט משה רבינו! זאגט דער רבי דא; אויפשטעלן א בנין אז ס'זאל האבן א כח המושך - צוציען אלקות - איז נאר דער משה וואס ער איז **בְּחִינַת עָפָר, בְּחִינַת מֹשֶׁה, שֶׁהָיָה עָנָו מִכָּל הָאָדָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שְׁמוֹת מ)**: "וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן"**, ער האט אויפגעשטעלט דער משכן, **וְאַחֵר לֹא הָיָה יָכוֹל לַהֲקִימוֹ, כִּי דַּוְקָא זֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר, בְּחִינַת כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, יָכוֹל לְהָקִים הַמִּשְׁכָּן שֶׁהוּא בְּחִינַת כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, לְהַמְשִׁיךְ הָאֱלֹקוּת כַּנַּ"ל.**

אויפשטעלן א משכן - - דער מדבר איז געווען אן ארט פון קליפות, 'נחש שרף ועקרב וצמאון', אזעלכע קליפות איז געווען, און אז מען האט אוועקגעשטעלט דער משכן - איז געווארן דארט 'אלקות'! איז אוועקשטעלן אזא משכן ווי מען האט אוועקגעשטעלט - דאס קען נאר משה! 'ויקם משה את המשכן', נאר דער צדיק וואס איז בחינת עפר, בחינת משה, שהיה ענו מכל האדם! מאכן א משכן וואס דארט זאל זיין א כח המושך, וואס זאל צוציען צו זיך אלקות - דאס קען נאר משה רבינו! ער האט אויפגעשטעלט דער משכן, ואחר לא היה יכול להקימו, ווארן דוקא דער צדיק וואס ער איז א בחינת עפר, א כח המושך - ער קען אויפשטעלן דער משכן - - דער משכן איז אויך א כח המושך, להמשיך אלקות!

*

זיי זאגן דאך די מתנגדים אויפ'ן רבי'נס זאך; אז מען זאל נישט צוגיין, דאס ציעט, עס האט א כח המושך, עס ציעט, עס ציעט באלד! אוודאי - עס האט א כח המושך! דער כח פון משה - - אוודאי ציעט עס!...

*

# הכבוד האמתי...

**וְזֶה שֶׁכָּתוּב** (דְּבָרִים ז)**: "לֹא מֵרֻבְּכֶם חָשַׁק ה' בָּכֶם כִּי אַתֶּם הַמְעַט"** - נישט דערפאר גלוסט מען אין אייך ווייל איר זענט אסאך, **'כִּי אַתֶּם הַמְעַט', וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (חֻלִּין פ"ט וְהוּבָא בְּפֵרַשִׁ"י שָׁם)**: "לֹא וְכוּ' רַק מֵחֲמַת שֶׁאַתֶּם מַמְעִיטִין עַצְמְכֶם" וְכוּ'**, ווייל איר האלט זיך

קליין, דערפאר "חָשַׁק ה' בָּכֶם". דאס אלקות ציעט זיך צו אייך, דאס אלקות ציעט זיך נאר דארטן ווי ס'איז א בחינת עפר, דארטן ציעט זיך אלקות! **כִּי מֵחֲמַת שֶׁהֵם מְמַעֲטִין וּמַקְטִינִים עַצְמָן, עַל יְדֵי זֶה הֵם בִּבְחִינַת עָפָר, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, בְּחִינַת מִשְׁכָּן, שֶׁמּוֹשֵׁךְ הָאֱלֹקוּת כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן חָשַׁק ה' בָּכֶם** - דאס אלקות גלוסט זיך צו אייך, דאס אלקות ציעט זיך נאר דארטן ווי ס'איז א בחינת עפר!

**וְזֶה בְּחִינַת** (יְשַׁעְיָה נ"ז): **"אֶשְׁכֹּן אֶת דַּכָּא"**, דער אויבערשטער זאגט: איך רוה נאר דארטן ווי ס'איז 'דכא'! **כִּי עַל יְדֵי שִׁפְלוּת, שֶׁמֵּשִׂים עַצְמוֹ כְּעָפָר, עַל יְדֵי זֶה יֵשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, לְהַמְשִׁיךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֶצְלוֹ** - ער זאל צוציען צו זיך אלקות, **שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת הַמִּשְׁכָּן כַּנַּ"ל**, דער אויבערשטער ציעט זיך צו אים.

**וְזֶה בְּחִינַת הַכָּבוֹד הַנֶּאֱמַר אֵצֶל הַמִּשְׁכָּן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שְׁמוֹת כ"ט): **"וְנִקְדַּשׁ בִּכְבוֹדִי", וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם מ:) **"וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן". כִּי כָל הַכָּבוֹד שֶׁיֵּשׁ לְכָל אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם, מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, כֻּלָּם הֵם מְקַבְּלִים רַק מִזֶּה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר**, - זייער כבוד איז א 'כבוד השם'!! זענען זיי נאר מקבל פון דעם צדיק 'שהוא בחינת עפר' - **בְּחִינַת מִשְׁכָּן, שֶׁמִּמֶּנּוּ נִמְשָׁךְ הַכֹּל.**

**כִּי כָל הַכָּבוֹד וְהַגְּדֻלָּה, הוּא רַק אֵצֶל זֶה הַצַּדִּיק, וְכֻלָּם מְקַבְּלִים מִמֶּנּוּ. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (מְגִלָּה ל"א): **'כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדֻלָּתוֹ שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ'**, דארטן ווי ס'איז דא ענוה, דארט איז דא גדולה, **נִמְצָא, שֶׁבִּמְקוֹם הַשִּׁפְלוּת וְהַקַּטְנוּת, שָׁם שׁוֹרֶה כָּל הַכָּבוֹד וְהַגְּדֻלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אֶשְׁכֹּן אֶת דַּכָּא"**. איז א דא א גרעסערע כבוד? דער אויבערשטער אליין! ונקדש בכבודי! דארטן ווי ס'איז 'שפלות וקטנות' דארטן איז 'שורה כל הכבוד והגדולה'!

**וְעַל כֵּן כָּל הָרָאשִׁים שֶׁבָּעוֹלָם, מְקַבְּלִים כְּבוֹדָם מִזֶּה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר.**

אזוי איז עס! ווייבאלד אז מען נעמט כבוד פון דעם צדיק - נעמט מען נישט 'פאר זיך', נאר מען גיבט אפ צום 'אויבערשטן'!

די היינטיגע סדרא טאקע (פרשת יתרו): 'שרי אלפים שרי מאות', אלע שרים - דו משה זאלסט זיי אויסקלויבן!

**וְכֵן הִתְחַדְּשׁוּת הַכָּבוֹד, כִּי בְּכָל פַּעַם נִתְחַדֵּשׁ הַכָּבוֹד, שֶׁזֶּה הַמְמֻנֶּה בָּא לְהִתְמַנּוּת אַחֵר, וְנִתְחַדֵּשׁ הָרָאשִׁיּוּת וְהַכָּבוֹד הוּא הַכֹּל עַל יְדֵי זֶה הַצַּדִּיק. כִּי כְּפִי הֲקָמָתוֹ אֶת הַמִּשְׁכָּן בְּכָל פַּעַם, שֶׁמִּשָּׁם בָּא הַכָּבוֹד, בִּבְחִינוֹת: "וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן" כַּנַּ"ל, כֵּן נִתְחַדֵּשׁ כָּל הַכָּבוֹד וְהָרָאשִׁיּוּת כַּנַּ"ל.**

דער צדיק איז תמיד עוסק אין הקמת המשכן, ער מאכט תמיד אזא מין ארט וואס דארט זאל די שכינה זיך צוציען דארט, וואס פון דארט נעמט זיך אלע התמנות, אלע כבוד.

**וְזֶה, וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי קָרָא מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו וּלְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל. כִּי כְּשֶׁהַצַּדִּיק צָרִיךְ לִקְרוֹת אֶת רָאשֵׁי הָעָם**, ער דארף זיי רופן די ראשי העם - געבן יעדעם איינעם זיין כבוד זיין התמנות, **הוּא קוֹרֵא אוֹתָם בָּזֶה שֶׁהוּא מֵקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן, שֶׁשָּׁם הַכָּבוֹד כַּנַּ"ל, וְעַל יְדֵי זֶה קוֹרֵא אוֹתָם, כִּי כֻּלָּם בָּאִים אֵלָיו לְקַבֵּל הַכָּבוֹד מִמֶּנּוּ**, וואס דער כבוד איז 'כבוד השם' - 'ונקדש בכבודי'!

מיט וואס רופט ער זיי? אזא מין משכן מאכט ער - דער צדיק, דערמיט רופט ער זיי! די אלע מקורבים וואס ווערן אלס, די אלע וואס קומען אלס, די אלע תלמידים וואס ער מאכט - - אזא מין משכן מאכט ער, מיט אזא כח המושך, וואס דערמיט רופט ער זיי!! דער קומט, יענער קומט, ווער רופט אים?! דערמיט וואס ער מאכט א משכן - דערמיט רופט ער זיי! און ער איז עוסק תמיד צו מאכן אזא מין משכן, ס'זאל זיין השראת השכינה, ס'זאל זיין א כח המושך, און דערמיט רופט ער מענטשן, און מען קומט, מען קומט!

**וְזֶה 'בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי'** - דאס איז ראש חודש ניסן, **שֶׁהֵקִים מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן, עַל יְדֵי זֶה, 'קָרָא מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו וּלְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל', שֶׁהֵם כְּלַל רָאשֵׁי הָעָם, מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל. כִּי עַל יְדֵי הֲקָמַת הַמִּשְׁכָּן, קָרָא אֶת כָּל רָאשֵׁי הָעָם, שֶׁהֵם בְּחִינַת אַהֲרֹן וּבָנָיו וְכוּ' כַּנַּ"ל.**

אז ס'איז נישטא דער הקמת המשכן - נעמט מען זיך אליין 'התמנות'! און דעמאלטס - 'דער' וויל מער, און 'דער' וויל מער... אבער אז אזא מין 'הקמת המשכן' איז דא, דעמאלטס איז יעדער איינער קומט שוין - 'מקטן ועד גדול', און יעדער איינער האט זיך שוין זיינס - זיין כבוד וואס מען גיבט אים!

*

# איך בין נישט די רבי!...

ס'איז געווען טאקע ביי דעם 'גרויסן שבועות' - האט מען עם גערופן, דעמאלטס ווען רבי שמעונ'לע (תלמיד רביז"ל) איז געקומען פון ארץ ישראל - איז ער געווען ביי ר' נתנ'ען אויף שבועות. - - דער תורה פון 'תקעו תוכחה' (ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ח') האט מען כמעט פון רבי'ן נישט געהערט, דער רבי האט עס געזאגט זייער שטיל, און רבי נתן האט דעם שבועות געזאגט אט די תורה, - - דער רבי רעדט טאקע דארט פון שבועות אויך, יום שישי בסיון (שם באות ח'). אנשי שלומינו האבן געזאגט טאקע, אז דעם לעצטן שבועות אין אומאן האט דער רבי נישט געזאגט קיין תורה - האט ער אפגעגעבן ראש השנה פאר שבועות! רעדט דער רבי שוין אין דער תורה 'יום השישי', 'עשרת הדברות שהם בחינת עשרה מדרגות של נבואה' (שם אות ז'), (עי' פרפראות לחכמה על תו' ח' תניינא באות י"א).

איז רבי נתן האט אין דעם שבועות געזאגט א הלכה אויף דער תורה פון ׳תקעו תוכחה׳, איז די הלכה אויך געווען פון שבועות. ווען מען האט געהערט דער תורה (ממוהרנ״ת) איז אזוי ווי מען האט געהערט א נייע תורה! די וואס האבן געקענט דעם רבי׳ן, און זיי האבן געהערט פון רבי׳ן די תורות - זיי זענען נאך געווען פון רבי׳נס מענטשן, ר׳ שמעון איז דאך אויך געווען פון רבי׳נס מענטשן - איז די תורה געווען עפעס א ׳נייע תורה׳! ער איז דאך אויך געווען ביים רבי׳ן בשעת דעם רבי׳נס הסתלקות - דער ר׳ שמעון׳לע - נאר מען האט נישט געהערט.

ווען ר׳ נתן האט געזאגט די תורה, איז ר׳ שמעון אזוי ארוים פון די כלים - ער האט געהערט פון ר׳ נתן זאגן די תורה - האט ער אזוי געזאגט צו ״ר׳ יצחק דער מגיד׳ס״; ״איך בין דאך א מבין אויף א גוטן אידן, איך האב אוועקגעווארפן אלע גוטע אידן, און איך האב זיך מקרב געווען צו א אינגל (הוא נתקרב כשהיה רביז״ל עדיין קודם חופתו, היינו בהיותו ילד, עי׳ חיי מוהר״ן מקום לידתו וישיבתו אות ג׳ [ק״ו]), **זאג איך דיר - אז היינט איז ר׳ נתן דער מנהיג הדור**״! ער האט דערהערט די תורה. (עי׳ שיש״ק ב׳ תש״ח)

אזא תורה פונעם רבי׳ן, זיי זענען אלע געווען - ס׳איז געווען אזוי ווי א ׳נייע תורה׳ - - - זאג איך דיר אז היינט איז ער דער מנהיג הדור!

*

# א שטיקל בלאטע...

אזוי מען רעדט דערפון - פון כח המושך, רבי נתן איז געווען אזא מין כח המושך - צוציען - נאר ווייל ער איז געווען ביי זיך אזא שטיקל בלאטע, א שטיקל בלאטע! ער איז געווען עפר ממש - האט ער געהאט אזא כח המושך, צוגעצויגן צו זיך, צוגעצויגן צו זיך גרויסע מענטשן!

רבי נתן האט געהאט אזעלכע מקורבים וואס זענען ביים רבי׳ן נישט געווען! ארומגעגאנגען און געברומט אזוי ווי די חיות! א געוואלד, א כח המושך, צוגעצויגן מענטשן! דאס אלקות ציעט זיך צו דעם דאזיגער וואס ער איז א ׳בחינת עפר׳, דארטן ציעט זיך אלקות! האט ער צוגעצויגן מענטשן צום אויבערשטן.

רבי נתן האט געזאגט; ״**א טיש וואס ביי מיר איז דא, איז ביים רבי׳ן נישט געווען**״! די טאכטער (של רבינו) האט אים איבערגעפרעגט - אדל׳ע - האט ער געזאגט; ״**יא איך זאג אזוי, אבער אלס בכח פונעם רבי׳ן**״! (עי׳ בהשיחות שנדפסו בספר ביאור הליקוטים דפו״ר).

רבי נתן איז געווען ביי זיך אזוי גארנישט - ווייל ער האט תמיד געהאט דעם רבי׳ן מיט זיך! אז ער האט דער אור - ווי קען ער עפעס זיין?! אז דער רבי איז ביי אים אינגאנצן אין מח - ווי קען ער עפעס זיין?! **ווארן דער וואס האט אינזין דעם רבי׳ן - דער קען ביי זיך גארנישט זיין!! טאמער איז ער עפעס - האט ער נישט אינזין דעם רבי׳ן!!!** און ער איז געווען תמיד - אזויפיל אינזינען געהאט דעם רבי׳ן, דער רבי איז אזוי געווען ביי אים אין מח אינגאנצן, ווי האט ער געקענט עפעס זיין?! ווי קען ער עפעס זיין?!

*

ער האט געזאגט טאקע א ווארט (שייך לעיל, בה'שבועות הגדול' כשאמרו על מוהרנ"ת שהוא הרבי): **"איך וויים אז איך בין נישט דער רבי"!** (עי' שיש"ק ב' תקס"ט)

פארוואס האט ער טאקע געוואוסט? ווייל דער רבי איז געווען אין אים אינגאנצן, איז ווי קען איך?! - - -

*

רבי נתן האט אזא מין כח געהאט, ער האט ארויסגעוויזן ממש 'פי שניים' (עי' שיש"ק ד' ע"ט, עפ"י ליקו"מ תו' ס"ו), די כוחות פונעם רבי'ן האט מען ארויסגעזעהן ביי רבי נתנ'ען פיל מערער! פיל מערער ארויסגעזעהן - טאקע 'בכחו של רבו', דאס איז א אומנות - אויפשטעלן אזעלכע מענטשן וואס ביים רבי'ן איז עס נישט געווען - און זיין ביי זיך 'גארנישט'! וויסן אז איך בין נישט קיין רבי! איך בין נישט קיין רבי! מען גיבט דיר אזעלכע כוחות ווי א גרויסע רבי?! ניין, איך בין נישט קיין רבי! דער רבי - איז דער רבי!! פארוואס איז ער נישט רבי?! ווייל דער רבי איז געליגן ביי אים כסדר! און אז דער רבי ליגט ביי מיר בין איך נישט קיין רבי!!

(השואל: ר' שמעון'לע האט מעיד געווען אז ער איז יא א רבי?) ער האט געזאגט אז ער איז דער 'מנהיג הדור', דאס איז צוויי זאכן, דער רבי איז דער רבי, און ער איז דער 'מנהיג הדור'! דאס איז א מציאות, דער רבי איז טאקע דער רבי, און ער איז דער מנהיג הדור - און **'בכחו של רבו'!** (עי' ליקו"מ תו' ס"ו אות א')

דאס איז נישט קיין קליינינגקייט, טוען אזעלכע זאכן - און וויסן אז ס'איז נישט פון מיין כח, ס'איז נישט מיין כח! א כח איז דא אויף מיר פונעם אמת'ן צדיק - און ער ארבעט! ער ארבעט!

רבי נתן האט געהאט אזעלכע געדאנקען נאכן רבי'ן הסתלקות - זיך נעמען צו טאקע צו תורה תפלה (עי' ימי מוהרנ"ת ח"א אות ע'), וואס וואלטן מיר געהאט?! ס'וואלט געווען נאך א צדיק, וואס וואלטן מיר געהאט -ווען רבי נתן זאל ווען דאס טוהן?! דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, און מבטל געווען פון רבי נתנ'ען דעם געדאנק, און ער האט זיך גענומען צו דער רבי'נס זאך - איז דא! טוהט זיך!

*

# המתנה "מחלוקת"...

קען מען שוין זאגן טאקע, דער רבי האט א זאג געגעבן - ווען ער איז געקומען פון ארץ ישראל; **"איך האב אייך געבראכט א מתנה מחלוקת"!** (עי' שיש"ק ו'-כ"ז). מחלוקת איז דאך א ענין פון 'דכא', פון 'עפר'. אז מען האט מחלוקת איז עס דאך א ענין פון 'שפלות', דארטן ציעט זיך אלקות! דארטן ווי ס'איז נישט דא קיין מחלוקת, ס'ליגט נאר גרוים כבוד, דארטן קען נישט זיין - - [האט דער רבי ארויסגעגעבן אזא מין זאך וואס דארטן וועט זיין מחלוקת דערויף, ממילא האט ער שוין נישט דער כבוד - - אז ער איז א ברסלב'ער וואספארא כבוד האט ער?! דארטן ציעט זיך אלקות! דאס איז א משכן!

דאס האבן מיר א מתנה דאס דאזיגע! מען קען דאך נישט ממאס זיין אין דער מתנה! אז דער רבי האט געזאגט איך האב געבראכט א מתנה - דאס איז דאך אונזערס א מתנה, מיר האבן בזיונות, מיר זענען אפגעפרעגט, דאס איז אונזער'ס א מתנה! און דעמאלטס העט זיך ציען צו אייך אלקות! אבער אז איר זאלט וועלן זיין גלייך מיט די וועלט - מיט אלע זאכן, קיינער וועט אויף אייך נישט רעדן - האבן מיר דאך נישט די מתנה! האבן מיר נישט דעם רבי'ן אויך! דאס איז די מתנה אונזערע! אזוי איז דאס.

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (ראֹשׁ הַשָּׁנָה א:) **'שֶׁנִּיסָן ראֹשׁ הַשָּׁנָה לִמְלָכִים', כִּי אָז הָיָה הֲקָמַת הַמִּשְׁכָּן, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁךְ הַכָּבוֹד שֶׁל מְלָכִים שֶׁל כָּל הַמְמֻנִּים וְהָרָאשִׁים כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן הָיָה הֲקָמַת הַמִּשְׁכָּן בְּראֹשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן דַּיְקָא, כִּי זֶה בְּחִינַת ראֹשׁ חֹדֶשׁ, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִתְחַדְּשִׁים כָּל הָרָאשִׁים כַּנַּ"ל, וְזֶהוּ בְּחִינַת ראֹשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן ראֹשׁ הַשָּׁנָה לִמְלָכִים כַּנַּ"ל.**

אינגאנצן דאס התחדשות ווערט אלס פון דעם צדיק וואס ער איז עוסק אין הקמת המשכן!

*

ער האט געזאגט ר' אברהם ר' נחמן'ס; "פארוואס האט רבי נתן גענומען פונעם רבי'ן מיט'ן שעפל מיט לעפל?! [ס'איז א ווארט אין אוקריינא, "ער נעמט מיט שעפל און לעפל" - ווען איינער נעמט אסאך] - ווייל ער איז געווען ביי זיך א שטיקל בלאטע"! ער איז געווען ביי זיך שטיקל בלאטע!! "און פארוואס האט מיין טאטע (רבי נחמן טולטשינער) גענומען פון רבי נתן מיט'ן שעפל מיט לעפל?! ווייל ער איז געווען ביי זיך א שטיקל בלאטע"! (עי' שיש"ק ג' תפ"ו).

ער געהאט אין זיך אזויפיל מעלות! אבער נעמען פונעם רבי'ן - דארף מען זיין ביי זיך א שטיקל בלאטע! פארוואס?! ווייל דעמאלטס נעמט ער פונעם רבי'ן! טאמער ער איז נישט קיין בלאטע, נעמט ער דאך זיינע - איז ער דאך אליין אויך עפעס! נעמען פונעם רבי'ן איז נאר - אז ביי זיך אליין בין איך גארנישט, נעם איך פונעם רבי'ן!

דערפאר טאקע איז אזוי איבערגעגאנגען אויף רבי נתן'ען די אלע מחלוקת'ן - - "רבי אהרן דער רב" איז געווען רב אין ברסלב, און ס'האט קיינער אויף אים נישט געקריגט. ער איז געווען דער רב פון ברסלב, און ראש השנה געווען דער בעל תפלה, און מען האט געהאלטן פון אים - קיינער האט אויף אים נישט געקריגט! ס'איז טאקע נישט מקורב געווארן מענטשן דורך אים.

אבער רבי נתן האט באדארפט אז ס'זאל דורכגיין דורך אים, ס'זאל טאקע ווערן 'קורא אותם' - רופן זיי, און אז ס'זאל קומען (מענטשן, זיי מקרב צו זיין צום אויבערשטן) - אויף אים מוז מען קריגן! [רבי אהרן אב"ד ברסלב -] אלע האבן געוואוסט ער איז א ברסלב'ער חסיד - קיינער האט אויף אים נישט געקריגט!

- - - (עד כאן השיעור).

* * *